# סצענע 12 ב'
# Escena 12 B

## מען זוכט אַ רעסטאָראַן
## Buscando un restaurant

**רעסטאָראַן # 1**

גאָלדע - גוט מאָרגן, הער שוואַרץ.
שוואַרץ - גוט מאָרגן. מיט וואָס קען איך אײַך העלפֿן ?
גיטל - אונדזערע קינדער װעלן חתונה האָבן. מיר קומען פֿאָרשן אײַער רעסטאָראַן.
שוואַרץ - וואָס הייסט פֿאָרשן מײַן רעסטאָראַן ? עס איז דער בעסטער רעסטאָראַן אין שטאָט !
גאָלדע - הער שוואַרץ, מיר ווילן הערן וועגן אײַער שפּײַזקאַרטל, אײַערע קעלנערס, אײַערע פּרײַזן...
שוואַרץ - טײַערע ייִדענעס, אויב איר ווילט הערן וועגן מײַנע פּרײַזן, איז שוין נישט גוט. איר וועט זיי נישט קענען באַצאָלן.
גיטל - וואָס הייסט נישט קענען באַצאָלן ?... וואָס, איר קענט אונדז?
גאָלדע - גיטל לאָמיר אַוועקגיין פֿון דאַנען. איך האָב דעם מאַן מיט זײַן רעסטאָראַן אין דר'ערד. לאָמיר נישט פֿאַרלירן קיין צײַט מיט אַזאַ מין ...
גיטל - אַ כאָלערע זאָל אים כאַפּן ! איך ווינטש אײַך איר זאָלט וואַקסן ווי אַ ציבעלע... מיטן קאָפּ אין דר'ערד !
גאָלדע - טאַקע ווי אײַער נאָמען איז... אַ שוואַרץ יאָר אויף אײַך.

## רעסטאָראַן # 2

גיטל - ממממ... דאָס איז נישט מײַן מאַמעס געפֿילטע פֿיש.
גאָלדע - דאָס פֿלייש איז אַ ביסל האַרט.
גיטל - די יויך האָט נישט קיין טעם... און מײַן מאָטל וועט נישט ליב האָבן די קאַשע- קנישעס.
פֿרוי העניע - פֿרויען, פֿון דעם מאָמענט אָן וואָס איר זײַט אַרײַנגעקומען אין מײַן רעסטאָראַן, האָט איר אָנגעהויבן קריטיקירן. איך האָב נישט ליב קיין "יאַכנעס" אין מײַן רעסטאָראַן ... גייט אַוועק און קומט נישט צוריק. איך ווינטש אײַך ביידע די בעסטע פֿון די צען מכּות !
גיטל - און איך ווינטש אײַך אַז אַלע ציין זאָלן אײַך אַרויספֿאַלן, נאָר איינער זאָל אײַך בלײַבן - אויף אַ צאָנווייטיק. אַ שאָד וואָס מײַן זון איז נישט קיין ציינדאָקטער !
גאָלדע - וואָס איז מיט אײַך, פֿרוי העניע ? מײַן טײַערע חבֿרטע ווײַנט שוין צוליב אײַך ! איך ווינטש מע זאָל אײַך אײַנלאַדן צום גובערנאַטאָר אויף אַ סעודה און איר זאָלט אים געבן אַ גרעפּץ אין פּנים !
קום גיטעלע, פֿון בעסערע ערטער האָט מען אונדז שוין אַרויסגעטריבן...
גיטל - ווייסט מחותּנתטע, ... אונדזער פֿאָרשונג האָט קיין דערפֿאָלג נישט געהאַט. איך מיין אַז מיר וועלן דאַרפֿן בעטן אונדזערע קינדערס הילף אין דעם ענין...